נומער 4.11

<u>ע ק ז ע ק י ו ט י וו  א ר ד ע ר</u>

**פארצוזעצן דער דעקלעראציע פון א גאנץ-סטעיט׳יגע דיזעסטער עמערדזשענסי צוליב העלטקעיר שטאב מאנגלען אין סטעיט ניו יארק**

**אזוי ווי,** עס זענען פאראן שטאב מאנגלען אין שפיטעלער און אנדערע העלטקעיר איינריכטונגען און זיי זענען ערוואַרטעט ווייטער אנצוהאלטן;

**אזוי ווי,** ערנסטע שטאב מאנגל אין שפיטעלער און אנדערע העלטקעיר איינריכטונגען זענען ערוואַרטעט צו ווייטער אפעקטירן די פעאיגקייט צו באזארגן קריטיש-וויכטיגע באהאנדלונג און צו פאסיג סערווירן ריזיקירטע טיילן פון דער באפעלקערונג;

**אזוי ווי,** עס איז פאראן א באלדיגע און קריטיש-וויכטיגע נויט צוצולייגן צו עקזיסטירנדע שטאב מיטגלידער צו פארזיכערן אז העלטקעיר איינריכטונגען קענען געבן באהאנדלונג;

**איצט, דעריבער, טו איך,** קעטי האוקול, גאווערנער פון סטעיט ניו יארק, דורך דער אויטאריטעט באפולמעכטיגט אין מיך דורך דער קאנסטיטוציע פון דעם סטעיט ניו יארק און טייל 28 פון ארטיקל 2-B פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ, איצט פארלענגערן די סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי ווי פארגעלייגט אין עקזעקיוטיוו באפעל 4, ווי פארגעזעצט אין עקזעקיוטיוו באפעל 4.10, און פארזעצן די טערמינען, באדינגונגען, און אפשטעלונגען אנטהאלטן אין עקזעקיוטיוו באפעלן 4 און אירע נאכפאלגער ביז אוגוסט 28, 2022.

ג ע ג ע ב ן   אונטער מיין האנט און דעם עמטליכן זיגל פון דעם סטעיט

אין דער שטאט אלבאני דעם ניין און צוואנציגסטן

טאג פון יולי אין דעם יאר צוויי טויזנט צוויי און

צוואנציג.

דורך דער גאווערנער

סעקרעטאר פאר דעם גאווערנער